Opłata pocztowa uiszczona ry załtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 10 זייטען!

# נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש - געזעלשאפטליכע טאג - צייטונג

Nr. 206 (898 | Łódź, Niedziela, 5 Września 1926 | פירטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג כו אלול תרפ״ו | Nr. 206 (898

24 71 .טעל .21 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel. 24·71

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

## אין ווארשאווער־זאל

36 פאלודניאווא 36

ימים נוראים — וועט געדאווענט ווערען די — מיט ערשטקלאסיגע בעל-תפלות און מיט א גוט איינשטודירט כאר

בעקוועמע פלעצער צו 5 זלאטעס

קען מען דינגען טעגליך פון 8 א זייגער פריה ביז 10 א זייגער אוונד. 731

---

אכטונג! אכטונג!

צענטר. האנדוו. פערב. פאלודניאווא 4.

דערמיט מאכען מיר בע- קאנט, דאס היינטיגען ר״ה ויו״כ וועט דאווענען אין אונזער פריש-רעמאנטירטען לאקאל מיט׳ן אנטייל פון בעוואוסטען חזן

## א. בעססער

(אויס נאווא-ראדאמסק)

מיט א גוט איינגעשטוד. כאר.

דאס פערדינגען פלעצער קומט פאר יעדען טאג פון 11–1 פארמיטאג און פון 6–9 אוו. אין קאנצעלאריע פון צענטר. האנדוו. פערב פאלודניאווא 4.

פרייזען מעסיגע! 637 פרייזען מעסיגע!

---

קומט און איבערציינגט אייך!

אלער ארט ביטעס, פאראניעס, רעקורסען, אפעלאציעס אין אלע גערינכטס, פינאנס,- אדמיניסטראטיווע און קאמונאלע אינסטיטוציעס ווערען אמבעסטען, אמביליגסטען און אמשנעלסטען ערלעדיגט אין ביורא

## „פאלאניא" אלעיא 1 מאי 7.

ווכטיגע בעמערקונג: טעגליך פון 5 ביז 7 ווערען ערטיילט עצות און אנווייזונגען אין אלע שטייער-אנגעלעגענהייטען דורך ה׳ לעאן שווייצער. איבערזעצונגען: האנדעלס און פריוואט קארעספאנדענץ, קאנטראקטען. פראטעסטירטע וועקסלען ווערען אנגענומען אויפצומאנען מיט אייגענע קאסטען. מיטגלידער פון פראפעסיאנעלע פעראיינען צאהלען 25% ביליגער.

---

## בעקאנטמאכונג.

די היגיענישע מקוה, נדאנסקא 75

מאכט בעקאנט, אז צוליב בעקוועהמליכקייטען פאר׳ן פובליקום וועט די היגיענישע מקוה זיין טעכיג פון היינט אן יעדען מוצ״ל, ווי אויך די נאכט פון ערב ראש השנה און פון ערב יום-הכפורים וועט זיין אפען פון 12 ביינאכט, פאר מענער.

652

קאמיטעט, די היגיענישע מקוה,

אנשא״י, נדאנסקא 75.

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נפטר געווארן 3 א זייגער בייטאג געשטארבען אונזער ליבע מוטער, שוויגערמוטער און גרויסמוטער

## רבקה אשת ר׳ יהודה לייב ז״ל נאטעס

אין עלטער פון 54 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, זונטאג, 5 סעפטעמבער 12 א זייגער ביי טאג פון טרויער-הויז קילינסקא 18, וועגען וואס עס טיילען מיט

די אין טיפען צער פערבליבענע פאמיליע.

---

## די מאראלישע פליכט

פון יעדען לאדזער איינוואוינער איז צו אונטערשטיצען די לאדזער פאבריקאציע, דעריבער ניצט נור

## צעטאגאל (CETAGOL)

אומזאמטהר וויא צעטאגאל איז דאס בעסטע, ריינסטע און צוגלייך ביליגסטע פלאנצען-פעטס. אויף דער אויסשטעלונג פון היגיענע און עססענווארג אין ווארשא איז צעטאגאל געווארען אויסגעצייכענט מיט א זילבערנעם מעדאל.

די פאבריק געפינט זיך אין לאדז (ניעצאלא 12, טעלעפאנען: 47-01 און 15-36) און שטעהט אונטער דער אויפזיכט פון ראבינאט. 752

צעטאגאל איז צו בעקומען אין אלע קאלאניאל- און שפייז-האנדלונגען.

---

פילהארמאניע-זאל, נארוטאוויטשא 20.

## בית תפלה לימים הנוראים!

דיזען ראש השנה יום-כיפור וועט אין זאל פילהארמאניע דאווענען דער וועלט-בעריהמטער קאנטאר און אויסגעצייכענטער זינגער

515

## ה׳ יוסף זאלודקאווסקי

(א זוהן פון בעריהמטען חזן אויס קאליש, ר׳ נח לידער)

מיט א גוט איינגעשטודירטען כאר פון 40 פערזאן, אונטער די לייטונג פון בעוואוסטען דיריגענט ה׳ רוביז.

בעמ.: דעם יאהר וועט געזונגען ווערען פיל נייע קאמפאזיצ, פון דער מאדערנער יודישער נגינה. בילעטען-פערקויף פאנגט אן זונטאג, ד. 29. אויגוסט אין קאסע פון פילהארמ. פון 9 פריה ביז 8 אוו.

---

## א צימער

ביי אן׳ארענטליכע פאמיליע, מיט דורכאויס בעזונדערן איינגאנג, אין דער געגענד פון ניי-שטאט ביז צעגעלניאנא אויך אין די קווער-גאסען, פאר א צוקונפט. פאר-פאלק אהנע קינד-בעגיגענונג ווערט פון זאפארט געזוכט. אפערטען אין אדמינ. פאר M. J.

---

צו מיין אפפאהרען

שפענדע איך 5 דאלאר פאר פאלגענדע אינסטיטוציעס: 2 דאלאר פאר תלמוד תורה פון הרב מייזעל ז״ל, 1 דאלאר פאר׳ן יתומים-הויז זגערזשער 40, 1 דאלאר פאר חברה משניות ד׳אלטשטאט. כ׳ווינש א כתיבה וחתימה טובה אלע מיינע קרובים פריינד און בעקאנטע

ברוך מאריינע.

ס׳געלד איז אפצונעהמען ביי י. פינעם דאדוו. 55.

---

לשמוע אל הרנה ואל התפלה.

מיר מאכען בעקאנט, אז אין לאקאל פון בית לחם. וסכאדניא 70, פראנט 1. שטאק וועט ווע רען גע- דאווענט

## ימים נוראים

און גאנץ סוכות פון בערימהטע בעלי תפלות. די הכנסה געהט פאר׳ן „בית לחם".

פלעצער צו בילינע פרייזען!

דינגען שטעט קאן מען אין לאקאל פון „בית לחם" אין דער פריה פון 10–12 און פון 6–9 אוו.

---

## IDA RUBINSTEIN

Salon Mód.

„p. f. Au Petit Paris"

Piotrkowska 81, tel. 38-65.

איז צוריקגעקעהרט פון פאריז און עמפפעהלט צום הערבסט- און ווינטער-סעזאן די נייעסטע מאדעלען.

צוגענגליכע פרייזען! 739 צוגענגליכע פרייזען!

